Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

היינט 24 זייטען

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 30 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

| № 31 | Łódź, Piątek, 5 lutego 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, כ״ח שבט תרצ״ב | № 31 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71



## יודישע ארץ-ישראל׳דיגע פאמעראנצן

די בעסטע איז דער וועלט, זיס און אהן פעסטקעס.

האניג פון ארא נזשען, אקא-ליפטוס, באקס. — | שמן זית-זך (אליוועז-אייל) גוט צום טרינקען און פרעגלען. מאנדלען, מאלאגע ראדזינקעס, טייטלען, סעזאמקעס. :—: אויסארבייטונגען פון „בצלאל״-קונסט-בילדער

צו בעקומען אין „תוצרת ארץ-ישראל״, שרודמיעסקא 1, טעלעפאן 42-193. גוט און ביליג! קומט און איבערצייגט אייך!

732

---

געז. „קולטור-ליגע״ אפט. לאדז, בזשעזשינער 23

זאל „אאזא״ נארוטאוויטש 20

מארגען, שבת, דעם 6 פעב-ואר, פינקטליך 4 נאכמיטאג קומט פאר א

גרויסער פאלקס-קאנצערט

פראגראם:

1) דער כאר ביי דער קולטור-ליגע אונטער לייטונג פון פראפ. זאזולא.
2) דראמאטישע סטודיע „באגינען״,
3) דער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון דיר. י. זילבערבערג,
4) אויפטריט פון בעקאנטען אהטיסט י. סטרונאטש, 687
5) פירעל-קאנצערט, אויסג. פון דער יונגער מאלאנטפולער פרל. מארסקאז.

בילעטן צו 75 גר. (פאר מיטגלידער 50 גר.) צו בעקומען אין קולטור-ליגע און ביים אריינגאנג

---

א בשורה טובה פאר אלע מנגנים!

א וואונדער-קינד פון אונזער שטאדט לאדז!

אין א קורצע צייט וועלן די לאדזער יודן הערן דאווענען א מעריב מיט א כאר

דעם 9-יעהריגען וואונדער-קינד

לייזערל פרידמאן

וועלכער וועט פערשאפען גרויס פערגעניגען אלע צוהערער.

דער כאר געפינט זיך אונטער דער לייטונג פון זיין רבי׳ן דעם דיריגענט און קאמפאזיטאר לייב סאקאלאווסקי. פרטים אין די ווייטערע אנאנסן.

753

---

יודישע דעמאקראטישע פאלקס-פארטיי אין לאדז

שבת, דעם 6-טען פעברואר 8.30 אין אווענד קומט פאר אין לאקאל אויף זשעלאזנא 10a א רעפעראט פון ח׳ ראטמאן

פסח כארי (דאזאר פון דער לאדזער קהלה) א. ד. ט.:

„צי דארף דער קליינער סוחר און בעל-מלאכה געהערען צו א פאליטישער ארגאניזאציע״

נאכ׳ן רעפעראט דיסקוסיעס. חברים און סימפאטיקער, האנדווערקער און קליין-הענדלער קומט מאסענווייז! איינגאנג פריי!

עקזעקוטיוו און ראט

פון דער לאדזער ארג. פון דער יוד. פאלקס-פארטיי

752

---

שאכטעל-מאכער-קארפאראציע אין לאדז

זונטאג, דעם 7 טען פעב-ואר קומט פאר אין לאקאל פון צענטראלן האנדווערקער-פערבאנד. פאלוד. יאווא 4, פינקטליך 6 אין אווענד

אלגעמיינע פערזאמלונג

אויף וועלכער עס וועט געוועהלט ווערען א סטארשי, פאדסטארשיס און א פערוואלטונג.

בעמערקונג: נישט-מיטגלידער, וועלכע ווילען אנטיילנעהמען אין דער פערזאמלונג קאנען זיך רעגיסטרירען ביי דער קאמיסיע.

די פערוואלטונג.

767

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער ח׳ מיטגליד ה׳ יוסף פראפעסארסקי מיט פרל. יטא פראפעסא-סקא ווינשען מיר פיל גליק און זייער לעבענס-וועג זאל מיט בלומען בעצירט זיין.

די פערוואלטונג פון דער חברה „הדרת בחורים״

מלינארסקע 8

770

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער ח׳ קאלעגע ה׳ יוסף פראפעסארסקי מיט פרל. יוטא פראפעסארסקא ווינשען מיר זיי פיל גליק און עוויגעס צופרידענהייט.

קאלעגען: שמ-אל סטריקאווסקי, מרדכי זינגער, ניסן גראסבערג, יצחק סטריקאווסקי

---

צו דער פערלאבונג פון אונזערע ליבע קוזינקע און קוזין

פרל. יוטא פראפעסארסקא מיט ה׳ יוסף פראפעסארסקי

ווינשען מיר פיל גליק און עוויגעס צופרידענהייט. יאדזשא פלאט, יעקב בלאהשטיין, שלום בלאהשטיין,

774

---

מזל טוב

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר ה׳

אברהם לייב דאמב און פרוי

צו דער חתונה פון זייער ליבען זוהן

אנשעל מיט פרל. נאדזשא כזשאנאוויטש

איהר זאל דערלעבען פון זיי פיל נחת און דעם יונגען פאר א גליקליך צוזאמענלעבען.

792

י. י. בראצקי און פרוי.

---

מזל-טוב

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר ר׳

יוסף כזשאנאוויטש

צו דער חתונה פון זיין ליבער טאכטער פרל.

נאדזשא מיט ה׳ אנשעל דאמב

און דעם יונגען פאר ווינשען מיר א גליקליך צוזאמענלעבען

ישראל בארנשטיין און פרוי.

775

---

מאשין-מצות

ווערט געבאקען אלע טאג פרישע און דינע, ווי אויך מצה-מעהל, אייער-פערפעל און סוכארעס לויט קארלסבאדער סיסטעם

מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אונזערע גוט-בעקאנטע און פרישע געבעקסען פון אונזער

איבערא-בעוואוסטער צוקערניע

ג. ווינבערג

38 פיעטריקאווער 38

:-: טעל. 82-143 :-:

---

קויפט נור ביי דער ערשטער האנד!

יין כשר וטוב!

פון דער אלטער בעוואוסטער פירמע

„בארוין״

אינה.: מענדיל בארנשטיין, לאדז

נאוואמיעסקא 30, טעל. 58-210

גרויסער אויסוואהל פון ווייגען, ליקערן און בראנפען׳ס.

ביליגע פרייזען. סאלידע בעהאנדלונג.

---

לעהרעריז

גוטע פעדאגאגין ערטיילט אינטעריכט פאר ערוואקסענע אין פוילישע, יודישע און דייטשע שפראכען

צו ביליגע פרייז׳

לאחאוו בזשעזשיער 15

---

הזכרה

זונטאג, דעם 7-טען פעברואר 1932 (ל׳ לחודש שבט) 12 א זייגער בייטאג, צו די שלושים פון אינזער אונפערגעסליכען

נ״ע אברהם שלעזינגער

קומט פאר אויפ׳ן בית-החיים

א הזכרה

צו וועלכער אלע קרובים פריינד און בעקאנטע ווערען געבעטען פינקטליך צו קומען.

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע

737

---

הזכרה.

זונטאג, דעם 7-טען פעב-ואר 1932, 10 א זייגער פריה צו די שלושים פון אונזער אינפערגעסליכען מאן און פאטער

נ. ע. משה פרושיצקי

קומט פאר אין דער שוהל אויף זאכאדניא 42 א הזכרה און גלייכצייטיג קומט פאר 12 א זייגער אויפ׳ן בית-החיים די ענט-יליונג פון דער מצבה, צו וועלכער אלע קרובים, פריינד, בעקאנטע און אלע מתפללים ווערען געבעטען פינקטליך צו קומען.

די משפחה

און די גבאים פון דער שוהל, זאכאדניא 42

759

## צווישען בטלנים

האָסט געהערט, די דייטשען ווילען אויסוועהלען אַלס פרעזידענט אַ האָהענצאָלער.
— אַוודאי איז לייכט צוצופאַסען אַ קרוין, אַז ס'איז שוין דאָ אַ גרייטער קאָפּ.

## צווישען יונגע דאָקטוירים

ערשטער: צי וואָס פרעגט איהר דעם חולה, וואָס ער עסט אויף מיטאָג? דאָס פערלייכטערט אייך פעסטצושטעלען אַ דיעטע?
צווייטער: ניין, ס'פערלייכטערט מיר פעסטצושטעלען דעם האָנאָראַר.

## די ערד איז זיכער רונדיג

לעהרער פון אַ פאָלקס־שולע (צו אַ שילער) ראָזענפעלד! וואָסערע סימן האָסטו, אַז די ערד איז רונדיג?
שילער: פאַרוואָר זאָל איך אַזוי געזונד זיין, און איהר אַלט אויך אַזוי געזונד זיין.

## דאָס געהט נאָך

ביי סוחרים אויף דער נאַוואַמיעסקאַ
וואָס איז איצט בי דיר אין געשעפט? וואָס אייגענטליך געהט איצט ביי דיר?
אויב כ'זאָל דיר זאָגען דעם אמת, געהט נאָר מיין האַנד־זייגערל.

## די לאַגע פערבעסערט זיך

די לאַגע אין פוילען טוט זיך, ענדליך, פערבעסערען!..
?
אַלע פיהלען זיך. ווי אין אַנ'אויסבעסער־ונגסהויז.

## חשבונות

אין דער געריכט־קאַנצעלאַריע פרעגט איין בעאַמטער דעם צווייטען:
— אין וועלכער רובריק דאַרף מען רעגיסטרירען דעם פסק־דין פון בריסקער פראָצעס?
— אין דער רובריק פון פערזענליכע חשבונות.

—:)(:—

## אדם הראשונ'ס „גלאָשניק“...

פון וואַנען איז געדריגען, אַז אין אדם הראשונ'ס צייטען איז שוין געווען ראַדיאָ?
ווייל פון אדמ'ס אַ ריפּ איז שוין דאַן געמאַכט געוואָרען אַ „גלאָשניק“....

טוביעלע

—:)(:—

## די אַרטיסטקע און דער רעצענזענט

### היגטער־“וויליס״ן־פליאַטקעס

אַ היגע אַרטיסטקע האָט פערבעטע זאָ רעצענזענט פון אַ לאָדזער צייטונג צו זיך „נאַ הערבאַטקען“, כדי אַזוי אַרום איהם צו „נאַביערען“, כטוב לב ה' רעצענזענט ב'יין, זאָגט צו איהם די אַרטיסטקע: אויב איהר וועט וועגען מיר שרייבען אַ לייטישע רעצ:נזיע, וועל איך וויסען, ווי אַזוי אייך אָפּצודאַנקען...
נאָך דער פרעמיערע, האָט דער פיפיגער רעצענזענט געשריבען אין דער צייטונג:
— ... די אַרטיסטקע פערשפרעכט זעהר פיל. מ'דאַרף וואַרטען און זעהען וואָס ס'וועט ווייטער זיין“...

# אויף די לאָדזער מאַסקענבעלער

## מי־נונגען פון פּאַבליט וועגען היי־יאָהריגען קאַרנאַוואַל

אויף אַ באַל פון באַנק־אַנגעשטעלטע:
— אין וואָס דער־מאָנען דיך די היינטיגע באַל־קליידער?
— אין וועקסלען. אין דער הייך זענען זיי אָהן דעקונג, און פון הינטען פּראָלאָנגירט.

באַל פון האַנדעלס־אַנגעשטעלטע:
— וואָסער־ע אָריגינעלע מאַסקע. אויב איך האָב קיין טעות נישט, שטעלט איהר מיט זיך פאָר דעם קריזיס.
— ? ?
ווייל איהר טוט זיך צו יעדען איינציגען צוקלעבען.

אויף אַ פרעסע באַל:
— ווער איז דאָס דער מאַסקעטער?
— דיין „סטראַי“ שטעלט מיט זיך פאָר אַן אַרטיקעל וועגען בריסק.

— נו, וואו האָט ער דעם סטראַי?“
— ער איז מסתמא קאָנפיסקירט.

טאַטעשי, וואָס איז דאָס אַזוינס אַ באַל פון דער פרעסע?
— זעהסטו מיין קינד, אַז ס'מאַכט זיך, למשל, אַזאַ בריסקער פּראָצעס, איז דאָס אַ באַל פאַר דער פרעסע.

אויף אַ באַל פון „סקאַרבאָוועצעס“:
די גאַרדעראָבעס אויפ'ן באַל זענען אָפּגעשאַצט געוואָרען אויף 31 טויזענד מיט 560 און 34 גראָשען. די פּאַנטאָפעל־לאָטעריע האָט זיך גוט איינגעגעבען, אַלע פּאַנטאָפען האָט געווינען דער אורזשאַנד סקאַרבאָווי, אויפ'ן בופעט וועט מען מוזען מאַכען אַ ליציטאַציע. הינטער די מאַסקעס שאַצט מען צ וגידריג די יאָהרען. די מעטער האָבען אויפ'ן באַל בעקומען פון די דאַמען גרויסע אולגעס.

# לשון = הרע

## פליאַטקעס פון דער „קונדס“־קיביצאַרניע

מ'זאָגט, אַז:
ווען די פוילישע לעגיאָניסטען זענען געווען צו גאַסט אין רוים, האָט בעניטאָ מוסאָליני געבעטען, זיי זאָלען איהם רופען בעבע... ניטאָ מוסאָליני.

... אַז די ענדעקעס האָבען בעשלאָסען ווישליצקין צו רופען ווישל—יצעק.

... אַז אויפ'ן באַנקעט פון די געזו. בריסקער אַרעסטאַנטען, איז דאָס בעליבטע מאכל געווען ראַוואַזווע ברויט...

... אַז ווען דער אויסערן־מיניסטער זאַלעסקי, האָט איבערגעלייענט די ידיעה פון דער פרעסע וועגען דעם נישט אָנגרייף־אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען דורכ'ן מיניסטער פּאַטעק מיט רוסלאַנד — האָט ער אַ צופרידענער געזאָגט:
— נו, ענדליך וואָסער־ע גוטע בשורה!..

לויט אַנ'אַלטער טראַדיציע, דאַרף יעדער פריערער־מיניסטער האָבען אַ רעפּערזענטאַנץ־בעדעל
— צוליב דער דאָזיגער סיבה שמועסט מען, טוט דער מיניסטער פּיעראַצקי לעצטענס זיך לאָזען וואַקסען אַ באָרד.

ווען דער קריגס־מיניסטער האָט זיך דערוואוסט פון די נישט צענזורירטע אויסרופען פון פובליקום נאָכ'ן „וויראַק“ — האָט ער זיך „וויראַזשעט“ מיט אַ וואָרט, וואָס צוליב דער צענזור קען מען עס נישט אָנגעבען.

## אַ שווערע אָפּעראַציע




די כירורגען (מאַקדאָנאַלד און לאַוואַל) שלאָגען זיך און דעם חולה גערט אויס די נשמה.

# דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

● צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק

ביילאַגע צום נייעם פאָלקסבלאַט נומער 31 — פרייטאג, דעם 5 פעברואַר 1932

## „די קוואָקע“




## האָט פאַרט „עפּעס“ אויסגעבריהט...



אויבען: גרויסער רייטער - טורניר אין בערלין, - די רייטער אין היסטארישע קאסטיומען.



בילדער פון בערלינער פרעסע־באל. אויבען: לאַזשע פון דיפלאמאטען. אונטען: אַ גרופּע קינסטלער.

אינדערוייט רעכטס: גענעראַל־דירעקטאר קאצענעלענבאגען. אין בערלין האט זיך אנגעהויבען דיין פּראצעס אין צוזאמענהאנג מיט די גרויסע אַנפּעס פון דער פירמע שולטהייס־ פאצענהאפער אקצ. געז.

אינדערוייט לינקס: די בלוטיגע געשעהענישען אין האנאלולו. דער אמעריקאנישער לייטענאנט מאסי, וועלכער האט דערשאסען איינעם פון די איינוואוינער פון האנאלולו, ווייל יענער האט פערגוואלטיגט זיין פרוי.



איבונגען פון דייטשער רייכסווער. די טאנקען ווענען געמאכט פון בלעך און קארטאן.



די עסטרייכישע געלעהרטע דר. קאניטשיידער (לינקס און דר. טאלנער גרייטען צו אַן עקספּעדיציע צום נארד - פּאל.







העניגרובס־ע דערונג אין עסטרייך. לינקס: ד״ר בורעש בילדעט דעם נייעם קאבינעט, רעכטס: דער בעקאנטער עסטרייכישער מלוכה־מאן גלח זייפעל.

אונטען : פּראצעס פון וואַלוטע־שפּעקולאנטען אין בערלין. די בעשולדיגטע דר. גוטהערץ (1), פּאַרלאדושי (2), און אפּענהיימער (3), מיט זייערע אַדוואקאטען.



ענקמאל פון יאהאן פריהריך בעטגער, דעם ערפינער פון פּארצעלאן (ער איז געבוירען געוואָרען מיט 250 יאהר צוריק).

דער בעקאנטער בערלינער דאקטאר לעא יאקאבזאהן, האט ערפינדען אַן אַפּאַראַט וואס פערצייכענט גענוי דאס קלאפּען פון מענשליכען האַרץ.





מיט רויב־חיות טאר מען זיך נישט שפּילען. דער לעמפּאַריט האט צוריסען אויף פיצלעך צוויי קינדער מיט וועלכע מ׳האט איהם זיך געלאזט שפּילען. די זאך האט פּאסירט אין בערלין.





אונטען : די פיהרער פון דער עסטרייכישער היימוועהר אין בערלין, פון רעכטס : גראף שטארהעמבערג, מאיאר פּאבסט.




אויבען רעכטס : קאַרנאַוואַל - בילדער פון דער ריוויערע.



אינדערזייט רעכטס: צו דער קאַטאַסטראָפע מיט דער דייטשער מאַנשאַפט ביי דער ווינטער־אָלימפּיאַדע אין אַמעריקע, גראו, איינער פון די געליטענע



אונטען רעכטס : וועלט־רעקאָרד אויף אַ מאָטאָר־שיפעל. דעם רעקאָרד 186,5 קילאָמעטער האָט גע־שלאָגען גאַר וואוד אין אַמעריקע.



אויבען: דאָס שענסטע דייטשע מיידעל. רוט בעהנען איז געוועהלט געוואָרען אַלס שענהייטס־קעניגין פון דייטשלאַנד אויפ'ן יאָהר 1932.

אונטען : פון דאַנען וועט ארץ־ישראל בעזאָרגט ווע־רען מיט עלעקטריע. — אַ בליק אויף די עלעקטרי־ציטעטס־ווערק פון דער רוטענבערג - קאָנצעסיע אויפ'ן ירדן.







אויבען לינקס: פרעזידענט הינדענבורג בעזוכט די אויסשטעלונג פון דער „גרינער וואָכע" אין בערלין.

אינדערזייט לינקס: דער בעריהמטער שאַך־מייסטער עמנואל לאסקער האָט געוואונען דעם ערשטען פרייז אין אַן אינטערנאַצ. בריטש־מעטש אין לאָנדאָן.





אונטען לינקס : די בעמיהונגען צו ראַטעווען די מאַנשאַפט פון ענגלישען אונטערוואַסער־שיפעל „מ. 2", די טויכערס וועלכע ווערען אַראָפּגעלאָזט צו דער רעטונגס־אַקציע.



טראַגישער טויט פון אַ געלערטען. פראָפ. אַרטור באַרנשטיין פון האַמבורג, פלעגט זיינע פריינדע פראָפּאַראַטען אויספּרובען מייסטענס אויף זיך.



בעקאַנטער דייטשער דיכטער אַלפרעד מאָמבערט איז אַלט געוואָרען 60 יאָהר.



סאָפוס מיכאַעליס

דער בעריהמטער דענישער דיכטער, איז געשטאָרבען אין עלטער פון זעקס־און־זעכציג יאָהר.

